NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13182

MAYSELEKH

Buzi Olevski

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

ב. אֲליעווסקי

מײַסעלעך

מעלוכע-פארלאג [illegible]

13/35077

ב. אָליעווסקי

מײַסעלעכ

צייכענונגענ פונ מ. בערקאָוויטש

מעלוכע-פארלאג „דער עמעס“, מאָסקווע 1940



די ליד וועגנ זילבערנעמ וועוריק

אינ א גרויסנ וואלד, לעמ טײַכל דא־רו,
אינ די פעלדזיקע בערג פונעמ גרויסנ כינגאנ,
געלעבט האָט א זשעדנער מענטש טשענ־גו
מיט זײַנ אלטער ווײַב לי־סיאנ.

קארג ווי א הונט און פויל ווי א ריב,
שטאָפּט ער זיכ אָנ מיט עסנ דעמ בויכ.
לייגט זיכ אוועק. אונ אזוי האָט ער ליב —
פּיפּקעט א ליולקע אונ קוקט אפנ רויכ.

נאָר איינמאָל אוועק איז טשענ־גו אפ געיעג;
פריִער געגאנ מיט פעלדזיקנ ברעג
אונ נאָכדעמ אוועק מיט די בערג אינעמ וואלד.

אינ וואלד איז געוועזנ נאָכ נאכטיק־בלוי,
נאס פונ טוי אונ מאָכיק די ערד...
א שטראל רײַסט זיכ דורכ אונ טריקנט דעמ טוי.
דער וואלד וואכט אופ, אונ פרימאָרגנ ווערט.

סע ציִענ די בלעטער זיכ אויס צו דער זונ.
פול ווערנ וועלדער מיט פויגל־געשריי.
די כמַע שטייט אופ. אינעמ ליכטיקנ פרי
הייבט אינ די וועלדער זיכ אָנעט די מי...

ס׳פילט אָן די קוקאווע דעם וואלד מיט קו־קו,
א פּיקהאָלץ קלאפּט, און א בלויערל זינגט...
נאָר פּלוצעם דערהערט דורך דער כוואָיע טשען־גו,
ווי עפּעס א כײַעלע קלאפּט און סע קלינגט.

ווערט שטילער טשען־גו. אָטעמט ער קוים —
דערזעט — אין דער הייך אפּ א נאָדל־בוים,
פאַרהויבן דעם עק, און אין פאָדערשטע פיס
פאַרקוועטשט א זאַפּטיקע שישקע מיט ניס,
א קליינינק, א זילבערן וועוועריקל שפּרינגט,
שײַנט און סע בלישטשעט, ׳עס פינקלט און קלינגט —
א דריי מיטן קאָפּ,
און ארויף און אראָפּ —
א שפּרונג און א קלונג,
א שפּרונג און א קלונג...

טשען־גו האָט די ביקס גלײַך געגעבן א הויב,
א קויל שוין פאַרלייגט און פאַרזשמורעט דאָס אויג, —
צעשרײַט זיך דאָס וועוועריקל:
— מענטש איינער, וואַרט!
פון פרי און ביז נאַכט
און פון נאַכט און ביז פרי —
לעב איך און קלײַב מײַנע ניסלעך מיט מי.
מײַן פרייד איז אין מי,
און די מי איז מײַן שײַן, —
וואָס דו ווילסט וועלן — דאָס וועט דיר זײַן!

פריִער געמיינט האָט טשען־גו, אז ער פאַלט,
אויס, און א סאָפּ און — אָט שטאַרבט ער פון שרעק.
דערנאָך זיך באַרויִקט.
ער גלעט זיך די באָרד,
טרייסלט דעם צאָפּ,
פאַרדײַכט צו דעם וועוועריק דעם האָריקן קאָפּ
מיט די קאָסע צוויי אויגן
און ענטפערט אזוי:

וועוריקל, גוט!
׳וועל ניט פארגיסן דײַן ביסעלע בלוט...
נאָר כ׳וויל, אז פון הײַנט
אלץ, וואָס די הענט מײַנע וועלן נאָר רירן,
וואָס איך וועל נעמען און וווּ איך וועל גיין,—
אגאטן זאָל ווערן, זאָל ווערן סאפּפירן,
סמאראגדן, רובינען און איידלשטיין!

ענטפערט דער וועוריק:—וואָס דו וועסט רירן,
וואָס דו וועסט נעמען און וווּ דו וועסט גיין,—
אגאטן וועט ווערן, ס׳וועט ווערן סאפּפירן,
סמאראגדן, רובינען און איידלשטיין...

און אוועק איז דער וועוריק, ווי גאָרניט געווען...
טשען־גו רירט נאָר אָנעט א בוים מיט די הענט—
דער בוים ווערט פארדארט, די קאָרע ווערט דין;
דער שטאם ווערט א בלוטיקער רויטער רובין.
הארט און פארדארט און פארדרייט, יעדער בלאט
פינקלט און בלישטשעט מיט רויטן אגאט.
סע שײַנען די צווײַגן. און אונטער די טריט—
בלוי ווערט דער מאָך און דאָס גראָז—לאזוריט.
די דימענטן פינקלען, סע לײַכט דער סאפּפיר...
— אָ־אָ־אָ!—שרײַט טשען־גו.—
טשען־גו איז א גוויי־ער!..

דערווײַל ווערט שוין שפּעט. ער וויל שוין אהיים.
ווי לאָזט מען עס אָבער דעם אויצער אליין?
קלײַבט ער די דימענטן אויף אין א זאק,
סאפּפירן א קלומעק, סמאראגדן א פּאק.
דעם בוים פון רובינען—ער האקט אים אראָפּ,
ער נעמט אים ארום—און אז ווי איז צו אים:
ס׳ן קריכן די אויגן אים אויש פון׳עם קאָפּ,
ער פילט, אז סע רײַסן די קישקעס זיך אָפּ.
נאָר וואָס קאָן מען העלפן? א שטיין איז א שטיין,
און קוים מיטן לעבן ער שלעפּט זיך אהיים...

געקומענ אהיימ. אז זײַנ אלטע לי־סיאנ
האָט געגעבנ א קוק, ווי סע שלעפּט זיכ דער מאנ,
האָט די אלטע פונ שרעק אזש פארבראָכנ די הענט:
א בויגנ א גרויסער, קאָליריקער ברענט,—
טשענ־גו שלעפּט א גרויסנ, א שטיינערנעמ בוימ,
א קלומעק, א זאק אונ נאָכעט א פּאק,
אונ אונטער די שטיינער זיפּעט ער קוימ...

טשענ־גו גייט פּאמעלעכ. ער נעמט אָנ די טיר,—
די טיר ווערט פונ דורכזיכטיק־בלויענ סאפּפיר,
די סטעליע—לאזור, דער דיל—אמעטיסט,
אונ גליטשיק אזוי, אז ער פאלט פונ די פיס.

קרעכצנדיק, זעצט זיכ טשענ־גו אפנ דיל,
די פיס אונטער זיכ... אונ אויקענדיק שטיל,
דרייט ער די אויגנ די קאָסע אפ רעכטס—
סע כליאנעט דאָס הארצ. סע שמעקט דאָס געקעכצ.

טשענ־גו האָט ליב קאשע. מעכײַעדיק־ווײַס
אונ ציכטיק אזוי ווי געפאלענער שניי
דערלאנגט אימ לי־סיאנ א טעפּל מיט רײַז
אונ שטעקעלעכ צוויי.

נאָר וואָס דארפ ער שטעקעלעכ?—א הויפנ מיט רײַז
א פּערע אינ מויל... אונ אז ווי איז צו אימ—
ס׳ווערט יעדער רײַזעלע—רויטער רובינ...
טוט ער א ריס אונ א ביס אינעמ שטיינ,
צעראטשעט די אויגנ, שפּײַט אויסעט די ציינ,
צעעפנט דאָס מויל... שטעקט ארויסעט די צונג...
צעבײַלט אונ צעבלוטיקט צומ בעט זיכ א לאָז,
ער גיט זיכ א וואלגער אונ גיט אזא שפּרונג,
ווי ער וואָלט געפאלנ אפ שטעכיקנ גלאָז:

די קישנ פונ דימענט. די קאָלדרע—קרישטאָל.
א שטיינ אפ א שטיינ. אונ ס׳איז רויט אונ ס׳איז בלוי.

סע שטעכט און סע ברעכט. און ניט מיט זײַן קאָל —
— אוי, — שרײַט טשענ־גו, — און נאָכאמאָל אוי!..

צעהאַקט זיך אַ בייג, פאַרבלוטיקט דאָס מויל,
ער שטייט פֿאַרנ ווײַב מיטנ בײַל אפנ שטערנ,
אונטער די אויגנ צוויי בלויע לאַמטערנס,
אַ שישקע — אַזוי ווי אַ קרוינ אפנ קאָפּ,
און ס׳וויגט זיך אַזוי ווי אַנ עקל זײַנ צאָפּ..

שרײַט אים לי־סיאַנ: — אַז גאָט איז מיט דיר!.. —
גיט מיט אַ פינגער טשענ־גו זי אַ ריר —
הייבט זי אָנ פינקלענ ווי טײַערסטער שטיינ —
די יאַסלעס — פונ ראָזנ און בלויענ סאַפּיר,
ווי דימענטנ העלע סע שײַנענ די ציינ,
די ליפּנ — אַגאַט, און די צונג — פונ רובינ,
איר פּאָנעמ אײַנגאַנצנ סמאַראַגדנ־גרינ.
און ראָזעווע־גרינלעך, און בלוילעך־רויט,
און שײַנענדיק קאַלט געפאַלנ און — טויט...

טשענ־גוענ איז דעמלט באַפאַלנ אַ שרעק,
אַ שרעק אַזאַ, ווי די נאַכט די גרויס.
טשענ־גו איז פונ שטיבל אינ גאָרטנ אַרויס,
געזעצט זיך אפ דר׳ערד. און רויטלעך־גרינ
געזעענ, ווי ס׳שטאַרבנ די קווייטנ לעמ אים —

די רויז ווערט אַ שטיינ, די בלעטלעך — האַרט,
און טויזנט־קאָליריק און העל אינ דער נאַכט
פינקלט זײַנ שטיבל —
סע שײַנט און סע שײַנט.

שײַנט אַ טאָג און שײַנט אַ נאַכט,
נאָך אַ טאָג און נאָך אַ נאַכט,
ווידער טאָג און ווידער נאַכט...
אַלץ איז שטיינ און אַלץ איז האַרט.

דאָרט טשען־גו,
דאָרט און קוואַרט
און קיין אויג ניט צוגעמאַכט.

ס׳איז טשען־גו שוין הויט און ביין —
אַלץ איז שיינער איידלשטיין.
ס׳איז זײַן שטוב סמאַראַגדן־בלוי.
פֿון זײַן שטיבל הערט זיך: אוי,
ווידער — אוי,
און אָבער — אוי,
און וויפֿל קאָן מען שרײַען אוי?

אַלץ אין לעבן האָט אַ שיר —
און געפֿאַלן בײַ דער טיר,
און געזען פֿאַרן טויט:
ס׳איז דער הימל ליטער־רויט.
אין פֿרימאָרגנדיקער רו
די קוקאַווע מאַכט קו־קו,
און דאָס בלויערל סע זינגט,
און דאָס וועווריקל סע שפּרינגט,
זינגט אין ליטערן פֿאַרפֿרי:
ס׳גייט דאָס לעבן אויף דורך מי,
נאָר אין מי סע העלט די שײַן,
און דורך מי וועט אַלצדינג זײַן!

פֿליט ער אָן, דער שוואַרצער ראָב,
קראַקעט הויך און קראַקעט גראָב,
אינעם שטיין דעם שנאָבל שאַרפֿט:
— האָסט שוין לאַנג אַזוי באַדאַרפֿט!
און אַ קראַקע און אַ קוויטש:
— אַלטער טערעך!
זשעדנער כריטש!

★

א מייַסע וועגן א באבעצע

אין פינצטערן וואלד, פארדרייט און פארווייט
א שטיבל אפ הינערשע פיסעלעך שטייט.
אין שטיבל, אין ווארעם — פארהילט און פארדעקט
די אלטע מאכשייפע, די וואלד־באבע לעבט.

אין שטיבל איז ליכטיק, און כוישעך — אין וואלד —
קיין שטערן קיין איינעם צו־זעען פון אויבן.
און נאָר פון דער באבעס פארפרוירענע שויבן
איין פייַערל האָט אין דער נאכט זיך געשטראלט.

א הינטל איז דעמלט אין וויוגע געגאַן,
דערזעען אין כוישעך דאָס שייַבעלע שייַן,
בעט זיך דאָס הינטל און קלאפט אין דער טיר:
— ראטעווע, באבעצע! באבע, איך פריר!..

ציטערט דאָס הינטל, קלאפט מיט די ציין.
— ניין, — זאָגט די באבע, — און נאָכאמאָל — ניין.

זי כאַפּט נאָך פון אַ ריוון אַ זודיקן טאָפּ,
פאַרעט דאָס ראַבינקע הינטעלע אָפּ.
וואָיעט דאָס הינטל, וויינט אין דער נאַכט.
הערט די מאַכשייפע דאָס וויינען — און לאַכט.

אַ הירש איז דערפאַרבלאָנדזשעט אין וויגע געגאַנגען,
דערזעען אין כוישעך דאָס שײַבעלע שײַן,
בעט זיך דער הירש און ער קלאַפּט אין דער טיר:
— ראַטעווע, באַבעצע! באַבע, איך פריר!..

— ניין, — זאָגט די באַבע, — און נאָכאַמאָל — ניין.
סע רייצט זיך די אַלטע מאַכשייפע — די באַבע.
זי שטשירעט די געלע, די לאָפּעטע־ציין,
קוקט דורך דער בריל און קלאַפּט מיט דער שקראַבע.

איז אַ בער דורכן וואַלד אין דער וויגע געגאַנגען,
דערזעען אין כוישעך דאָס שײַבעלע שײַן,
דערפרייט זיך דער בער. קלאַפּט איר אין טיר:
— ראַטעווע, באַבעצע! באַבע, איך פריר!..

— ניין, — זאָגט די באַבע, — און נאָכאַמאָל — ניין.
סע רייצט זיך די אַלטע מאַכשייפע — די באַבע.
זי שטשירעט די געלע, די לאָפּעטע־ציין,
קוקט דורך דער בריל און קלאַפּט מיט דער שקראַבע.

דער בער איז אַ בייזער אין וויגע אַוועק.
בייז איז דער בער אַף דער באַבען געוואָרן,
און אָפּצאָלן האָט ער דער באַבען געשוואָרן...

און איינמאָל — די באַבע ז'אַוועק פון דער היים
(יאַגעדעס האָט זי, די באַבע, געקליבן).
דער בער פון זײַן הייל איז געקומען צו גיין,
גענומען זיך דרייען און וואַרטן באַם שטיבל.

לויפט אָנ לעמ שטיבל דאָס הינטל דאָס ראבס,
גיט עס א האווקע:
— האוו־האוו־האוו!
היי, בערעלע, זאָג מיר, וואָס דרייסטו זיך אומ? —
גיט זיך דער בער עס א קראצ אינעמ בויך:
— וואָס איז דײַנ אײַסעק? דריי זיך אויך.

דרייט זיך דאָס בערעלע,
דרייט זיך דאָס הינטעלע —
דרייענ זיך ביידע ארומ אונ ארומ.

קומט אָנ צו לויפנ דער הירש פונעמ וואלד,
די הערנער ווי צווייגנ אפנ קאָפּ זײַנעמ האלט:
— וואָס דרייט איר זיך, בערעלע, הינטעלע, אומ?
צעהאווקעט זיך ס׳ראבינקע הינטעלע הויך:
— וואָס איז דײַנ אײַסעק? דריי זיך אויך.

דרייט זיך דאָס בערעלע,
דרייט זיך דאָס הינטעלע,
דרייט זיך דאָס הירשעלע —
דרייענ זיך דרײַענ ארומ אונ ארומ.

קומט אָנ א גלאנציקע נאָדל צומ טויער,
א בײַוועלע טראָגט זי א ווײַס אינעמ אויער:
— וואָס טוט איר עס אלע? וואָס דרייט איר זיך אומ?
ענטפערט ס׳דינפיסיקע הירשעלע הויך:
— וואָס איז דײַנ אײַסעק? דריי זיך אויך.

דרייט זיך דאָס בערעלע,
דרייט זיך דאָס הינטעלע,
דרייט זיך דאָס הירשעלע,
דרייט זיך דאָס נאָדעלע —
דרייענ זיך פירנ ארומ אונ ארומ.

קומט נאָכ צו לויפֿנ א שטיקעלע סמאָלע.
דערזעענ מע דרייט זיכ אונ האָט זיכ צעקוואָלנ:
— וואָס טוט איר עס אלע? וואָס דרייט איר זיכ אומ?
צעקלינגט זיכ דאָס גלאנציקע נאָדעלע הויכ:
— וואָס איז דייַנ אייסעק? דריי זיכ אויכ.

דרייט זיכ דאָס בערעלע,
דרייט זיכ דאָס הינטעלע,
דרייט זיכ דאָס הירשעלע,
דרייט זיכ דאָס נאָדעלע,
דרייט זיכ די סמאָלע —
דרייענ זיכ פינעפ ארומ אונ ארומ.

דערווייַל האָט די זונ אינעמ וואלד זיכ געזעצט.
די לופט ווערט שוינ קיל. דער שאָטנ ווערט גרויס.
סע הייבט זיכ די סאָווע שוינ אופ פונ דער נעסט.
סע שווימט שוינ א האלבע לעוואָנע ארויס.

האָבנ די כייַעס זיכ אלע פארטראכט.
ס׳רוקט זיכ אינ וועלדער די פינצטערע נאכט.
דער בער האָט די אויגנ די ברוינע פארמאכט
אונ האָט זיכ צעגענעצט — שלאָפנ.

האָט זיכ צעגענעצט דער ראבינקער הונט.
האָט זיכ צעגענעצט דינפיסיקער הירש.
האָט זיכ צעגענעצט די גלאנציקע נאָדל.
האָט זיכ צעגענעצט דאָס שטיקעלע סמאָלע.
האָבנ צעגענעצט זיכ אלע.

דער בער האָט געגעבנ די קליאמקע א שלעפ,
צעפראלט אונ צעעפנט דער באבעצעס טיר...
דער הירש ווי א העלד האָט באלייגט זיכ אינ בעט.
דער הונט מיט דער נאָז האָט געגעבנ א פיר,
א פיר מיט דער נאָז אונ א שמעק אינעמ דיל,
אונ האָט זיכ פארנורעט אינעמ פאָדפיל.

ס׳אָרופּ אפנ וואַרעמענ אויוונ דער בער
אונ האָט זיכ פאַרדרייט אונ האָט זיכ פאַרדעקט.
דער נאָדל איז ערגער, דער נאָדל איז שווער,
קוים אינעמ האַנטעכ אפ נאַכט זיכ פאַרשטעקט.

לאַנג האָט די סמאָלע געהאָרעוועט נעבעכ,
באַמ בעט זיכ געדרייט. געוואָלט אפ דער קישנ,
אונ לייגנ געמוזט זיכ אינ פושקעלע שוועבעלעכ,
אפנ ברעג פונעמ טישל.

שלאָפט אינעמ האַנטעכ דאָס נאָדעלע אײַנ.
ס׳שלאָפט אפ די שויבנ די לעוואָנע־שײַנ.
ס׳הינטעלע דרייט זיכ צונויפ אינ פּאָדפּיל,
גיט ווענ־ניט־ווענ פונעמ כאָלעמ א ביל.

פאַרדרייט אונ פאַרדעקט אינ דער באַבעצעס גרעט,
דער בער, ווענ־ניט־ווענ, גיט אינ שלאָפ זיכ א גלעט.
סע שטעקנ דעמ הירשעלעס הערנער פונ בעט...

... דערווײַל איז די באַבע געקומענ צו גייִנ,
אויקעט פונ אַלטקײַט, קרעכצט אינ דער שטיל,
שטשירעט דאָס מויל מיט די לאָפּעטע־צייִנ,
טיאָפּעט מיט שקראַבע אונ קלאַפּט אינעמ דיל.

זי גיט זיכ די ליפּנ די גראָבע א וויש,
די האָר זי פאַרשאַרט, די פאַטשײלע פאַריכט.
לאָזט זיכ פּאַמעלעכ שקראַבענ צומ טיש
שוועבעלעכ נעמענ אונ אָנצינדנ ליכט.

צעקאָכט זיכ די באַבע, די באַבעצע ברענט, —
די פינגער אינ סמאָלע, די האַנט איז אינ סמאָלע.
הייבט זי אָנ שעלטנ אונ הייבט זי אָנ קלאָלעס
אונ כאַפּט אָנ דעמ האַנטעכ זיכ ווישנ די הענט.

גיט איר פונ-האנטעכ די נאָדל א שטאָכ,
גיט איר א ריס אונ א קריכ ביזנ ביינ.
— אָכ, — שרײַט די באבע, — אז ווײ מיר אונ אָכ, —
אונ קלאפט פונ דערשרעק מיט די לאָפּעטע־צײנ.

קלאפט מיט די צײנ, אונ זי מאכט מיט די ליפּנ,
רוקט זיכ פונ האנטעכ אונ לויפט צו דעמ בעט.
גיט איר דער הירש א פּארפּאָר אינ די ריפּנ,
א נערעק אזא אונ אזא מינ פלעט,

אז זי איז פּארפּריערט אינ ווינקל געפלויגנ,
נאָכדעמ א זעצ אונ א קנאק אינעמ דיל.
ס'האָבנ גענומענ אזש קלינגענ די שויבנ,
אונ ס'איז אפנ אויוונ פּארפלויגנ די בריל.

מאכט זי א גוואלד. זי צעראטשעט די אויגנ.
ס'ווערנ די אויגנ פּארגליווערט ווי גלאָז.
וויל זי אנטלויפנ, ארופ אפנ אויוונ,
גיט איר דער בער א פּארפּאָר אינ דער נאָז.

גיט זיכ די באבע א זעצ אינעמ דיל.
דריגעט קוימ־קוימ מיט די נאקעטע פיס.
לויפט נאָכ דאָס הינטל ארויס פונ פּאָדפּיל,
גיט אינ די פיס איר א ריס אונ א ביס.

רייצט זיכ דאָס בערעלע. שרײַט איר: — א־הא!
ס'פּארשלאָפענע הירשעלע שרײַט צו איר: — שא־א!
ס'נאָדעלע קוקט אפ דער באבענ אונ קוועלט,
ס'איז זייער דער נאָדל געפעלנ די וועלט.

ליגט זיכ די באבע אפ ערדענעמ דיל.
ליגט זי צעמיימעסט אונ אויקעט שטיל.
ליגט זיכ דאָס הינטעלע אינעמ פּאָדפּיל.
דער הירש אינ דעמ בעט. דער בער אפנ אויוונ...

סע קוקט די לעוואָנע ארײַנ אינ די שויבנ.
אונ שטערנדלעכ — שטערנ זייער א סאכ
שפּרינגענ אונ פרייענ זיכ איבערנ דאכ.

★

די ליד וועגן דער קאפעלע

אין איינעם א לאנד, אין איינער א מעדינע,
געלעבט האָט א נאשערן א קייסערינע.

ציינווייטעק האָט זי פון נאשן געקראָגן,
א ווייטעק אזא מין — צו זינגען, צו זאָגן.

ס'זײַנען די ציין איר געוואָרן פארדראָלן,
די באקן ווי פויקן — בלוי און פארשוואָלן.

האָט זיך דער מײלעך, דער האר פון מעדינע,
מיט א געמעלד צו די לאנדסלײַט געווענדט:
ווער סע וועט אויסהיילן מײַן קייסערינע,
וועלכע פון ציינווייטעק קריכט אף די ווענט,

עפן איך אוף פאר יענעם די טירן
פון אויצער פון מײַנעם אף גאנצע צוויי שאָ,
זאָל ער דאָרט נעמען פון גאָלד, פון סאפּפירן,
פון אלץ, וואָס אין אויצער אין רײַכן איז דאָ.

האָבן שעלוכים אין שויפערס געבלאָזן,
געשריִען, גערופן, געוואָרן אזש הייזעריק.
און ס׳האָבן צום קייסער גענומען זיך לאָזן
זנאכערס און שפּרעכערס — א שווארצער היישעריק.

שפּרעכערס, מאכשייפעס און רוכעס־פאַרטרײַבער
שטערנטרעפער און קישעפמאכער,
בלוטן־לאָזערס און קרײַטעכצער־קלײַבער,
שטעלערס פון פּיאווקעס און אנדערע זנאכערס.

זיי האָבן דער מאלקע געקישעפט, געשפּראָכן.
געגאָן פון דער הויט, אפ די ווענט געקראָכן...
נאָר ס׳האָט זיי דער מיילעך די ביינער געבראָכן.

געטריבן די זנאכערס אין האלדז און אין נאקן.
זיי זײַנען פון מיילעך אנטלאָפן געבויגן —
מיט שטערנס צעבײַלטע, צעפּליאסקעטע באקן,
מיט אונטערגעשלאָגן־פארשוואָלענע אויגן...

בא איינעם א זנאכער, א זאָקן א ווײַסן,
מיט גוליעס אזעלכע און וואווקעס אזוינע,
האָט זיך דערוווּסט פון דער גאנצענער מײַסע
דאָס ווײַב פונעם אלטן פון פערד־רויפע יוינע.

ז׳ערהערט וועגן אויצער, די מײַסע דערהערט,
האָט זי גענומען די הענט אזש צעוויגן:
— הײלסט אין די דערפער די קראנקע פערד,
די קוילע בעהיימעס, די קוילע ציגן...

און דאָרטן א שמאלץ־גרוב, א הרודע מיט גאָלד.
צי דען איז דער אויצער דיר, יוינע, ניט טײַער?..
— וואָס פאר אן אויצער האָט דיר זיך פארוואָלט?
ייִדענע, — בעט ער זי, — הער אוף צו שרײַען...

עמ שטוב, אפ דער פריזבע, די הענט אפ די קני
איז יוינע געזעסנ, געזשמורעט די אויגנ.
ס׳האָט יוינע א גוסט ארויסגיינ גאנצפרי
הערנ, ווי ס׳זינגענ אינ דרויסנ די פויגל,
הערנ דעמ טײַכ, קוקנ ווי ס׳העלט,
זענ, ווי עס גייט די סטאדע אינ פעלד...

ער גיט זיכ ד׳אָס בערדל דאָס סיווע א צי:
די מאלקע איז כוילע. ס׳איז עפשער קעדײַ,
ווײַל וואס איז א מאלקע אונ וואָס איז א קי?
ענצ א באלכײַ אונ דאָס א באלכײַ.

די מאלקע, לעהאוודל, איז זייער קראנק.
קראנק אפ די ציינ. זיכ איבערגעגעסנ.
וועט ער איר געבנ א ביטער געטראנק
פונ פעפער אונ זאלצ אונ זויערנ עסיק.

די זיסקײַט אינ מויל וועט דער עסיק פארשלאָגנ,
פארהיילט וועלנ ווערנ דער נאשערנס ציינ,
אונ יוינע וועט ברענגענ אהיימ א וואָגנ,
א וואָגנ מיט גאָלד אונ מיט איידלשטיינ.

אינ שאבעס־מאלבושימ זיכ אָנגעטאָנ:
די שווארצע קאפּאָטע מיטנ שמאָלנ סטאָנ,
מיטנ רויטנ גארטל זיכ אָנגעגורט,
דעמ הארטנ קארטוז, די שטיוול פונ יוכט,

פעפער אונ זאלצ אונ עסיק גענומענ —
געלאָזט האָט זיכ יוינע אפ טעג אונ אפ נעכט.
אפנ פערטנ טאָג צומ קייסער געקומענ
אונ האָט, ווי עס פּאסט, זיכ געבוקט צו דער ערד.

געבוקט אונ געזאָגט אימ: — מאלכעס־מעדינע,
דײַנ קנעכט אפ דײַנ רופ איז געקומענ צוגיינ,

אויסהיילן וויל איך דײַן קייסאַרינ[י]ע,
דײַן מאַלקע, וואָס קרענקט אפֿן די איידעלע ציין.

האָט זיך דער מאַלכעס, דער האר פֿון מעדינע,
אפֿ זײַן שווערד אפֿ דער שווערער פּאַמעלעך געלענט:
— אויב דו וועסט אויסהיילן מײַן קייסאַרינ[י]ע,
וואָס לײַדט אפֿ די ציין, אַזש זי קריכט אפֿ די ווענט,

עפֿן איך אוף פֿון מײַן אוצער די טירן,
איך לאָז דיך אין אוצער ארײַן אפֿ צוויי שאָ;
נעם זיך די פּערל, דאָס גאָלד, די סאַפּפּירן
און אַלץ, וואָס אין אוצער אין רײַכן איז דאָ.

נאָר היילסטו פֿון ווייטעק די מאַלקע ניט אויס,
באַפֿעל איך אַהין צו דער טליִע דיך ברענגען.
רײַס דיר אפּריִער די ציין אַרויס
און נאָכדעם באַפֿעל איך דיך הענגען.

— גוט, — ענטפֿערט יוינע, — היי[ל] איך ניט אויס,
באַפֿעלט איר אַהין צו דער טליִע מיך ברענגען.
איר רײַסט מיר אַפּריִער די ציין אַרויס
און נאָכדעם באַפֿעלט איר מיך הענגען...

האָבן די דינערס גענומען אים פֿירן
דורך גליטשיקע דילן אפֿ שיר ניט צו פֿאַלן,
דורך הויפֿן, דורך טרעפּ — דורך טירן און טירן,
דורך וועלטן מיט צימערס און וועלטן מיט זאַלן...

אין איינעם אַ זאַל — באַרינגלט מיט דינערס,
האָט יוינע דערזעען די מאַלקע ליגן.
די דינערס מיט טיכלעך זײַדענע, דינע
באַפֿאָכען די מאַלקע און שרעקן די פֿליגן.

אַט זיך די מאַלקע צעוויינט און צעויקעט
ן בלאָזט אָן די באקן אזוי ווי די פויקן.

אַט ער זי, יוינע, צו אופהערן וויינען:
אַט איז א טאטע — וועט העלפן פון אלץ.
ער האָט איר צעעפנט פאמעלעך די ציינער
אוּן האָט איר געגעבן א זשמעניע מיט זאַלץ.

די מאַלקע האָט, נעבעך, גענומען זיך קרימען.
האָט יוינע געזאָגט מיט א שטרענגער שטימע:
מע טאָר זיך א דאָקטער, א רופע ניט ווערן —
דעם רופע נאָר פאָלגן, דעם רופע נאָר הערן.

און שטיוול גענומען די הילצערנע לעפל,
עבעטן די מאַלקע צענעמען די ליפן
און שווארצן און שטארקן צעמאָלענעם פעפער
לעפל נאָך לעפל גענומען איר שיטן.

ריַיסט זיך די מאַלקע. זי קאָן עס ניט עסן.
די פאָכעט, זי שטיקט זיך: כאָטש וואסער א ביסל.
האָט יוינע גענומען דאָס פלעשל מיט עסיק
און האָט איר גענומען אין מויל אריַין גיסן.

ער האָרעוועט יוינע.
מיט שוויס זיך באגאָסן.
געפאָיעט די מאַלקע א גאנצע נאכט.
באנקעס געשטעלט איר, בלוט איר געלאָזן,
רעפועס אזויפיל אין מויל איר געשפארט,

אַז גענומען האָט גיין פון דער מאַלקע א רויך.
א רויך איז געגאנגען, און זי האָט געגעסן,
און ס'האָט איר גענומען צו ריזען אין בויך,
שניַידן אין בויך,
בורען אין בויך,
אַז זי האָט דעם צייַנווייטיק, נעבעך, פארגעסן.

פאַרטאָג איז דער מײלעכ געקומענ צו גײנ.
געשטעלט זיכ באַמ בעט, א געשרײ געטאָנ הויכ:
— ווי פילט זיכ די מאלקע? וואָס מאכנ די צײנ?

— וואָסערע צײנ? — וויינט די מאלקע. — דער בויכ!
אוי, דער בויכ!
ווײ, דער בויכ!

פרײט זיכ דער מײלעכ: — אבי ניט די צײנ!
זאָגט צו אימ יוינע: — אבי ניט די צײנ...
נאָר אײנס האָט דעמ מײלעכ זיכ שטארק ניט געוואָלט,
יוינענ באַצאָלנ די הרודע מיט גאָלד.
נאָר פאָרט האָט דאָכ יוינע געהײלט איר די צײנ,
אונ ברעכנ דאָס וואָרט איז דעמ מײלעכ ניט שײנ.

דער מײלעכ האָט גלײַכ די כאכאָמימ גערופנ,
באַפוילנ זײ אלע געפינענ א טרופע,
אנ אײצע א קלוגע — ס׳זאָל יוינע ניט קענענ
דאָס גאָלד פונעמ אויצער דאָס טײַערע נעמענ.

האָבנ זיכ דרײַצנ כאכאָמימ פאַרקליבנ,
צעזעצט זיכ אפ דר׳ערד אינ א הײליקער ראָד.
ס׳האָט יעדער גענומענ זיכ רײַבנ דעמ קאָפ.
זײ האָבנ די קעפ זיכ אזוי לאנג געריבנ,
ביז פליכעוואטע זײ זײַנענ געבליבנ.

זײ האָבנ געטראכט אונ געטראכט אונ געקלערט,
ביז אײנער א כאָכעמ שטײט אופ פונ דער ערד,
שטײט אופ פונ דער ערד. זיכ אנידערגעשטעלט:

— א גליקלעכע ליד — קערט איבער א וועלט! —
ענטפערט א כאָכעמ: — א גליקלעכע ליד
הײבט צו דעמ לויטערנ הימל אונ ציט...
ענטפערט דער דריטער: — ס׳איז יוינע א ייִד,
אונ ס׳וועט אימ באַמ הארצנ פאַרכאפּנ די ליד!

צן כאכאַמים דעם טאָג און די נאַכט
ן האָבן די אייצע די קלוגע באַטראַכט:
עזמאָרים באַם אויצער דער מיילעכ זאָל שטעלן.
פילן אַזוי זאָל די קלעזמער־קאַפעלע,
האַרץ זאָל צעגיין, זאָל צעגיין און זיך רירן,
זאָל יוינע פאַרגעסן, ניט זעען די טירן
אָפענע טירן פון אויצער...

הענט־אין די אַרבל פאַרוקט, ווי זיין שטייגער,
אַס סיוויִנקע בערדל צום הימל פאַרהויבן,
טייט יוינע און וואַרט אין די שאַבעס־קליידער,
קט אָפן שלאָס מיט פאַרזשמורעטע אויגן:

ער מירמלנער שלאָס מיט די שפּיציקע דעכער,
יט פענצטערלעך שמאָלע בלאַנקט אָפּ אָפּ דער זון.
יבער די טורעמס סע גייען די וועכטער,
ין גלאַנציקע פאַנצערס זיי שפּאַנען אַרום.

ע בלאַנקען די שפּיזן, די העלמען סע קלאָרן...
ון פלוצעם צעשאַלט זיך אַ מעשענער האָרן
ון מירמלנע טרעפּ — און דער מיילעך אַליין,
ער מאַלכעס, דער האַר איז געקומען צו גיין.
ר יוינען איז צו, צו יוינען געזאָגט:
ויסגעהיילט האָסטו מיין מאַלקע די ציין.
ווייַ שאָ, ביז די זון וועט אין הימל פאַרגיין,
איז אָפן פאַר דיר פון מיין אויצער די טיר...

אַ.טויער האָט גלייך זיך צעפראַלט אין די ווענט.
פון רענדלעך אַ פלאַם האָט געגעבן: אַ בלענד,
די שיין פונעם שטיין און דער פייער פון גאָלד...
ס׳גיט יוינע אַ שפּאַן. שויִן צוגיין געוואָלט
נעמען דאָס גאָלד, די רענדלעך די העלע...
נאָר גלייך איז אַרויס פונעם שלאָס אַ קאַפעלע,
אַ שפּילער־קאַפעלע.

אָנגעטאָן אָרעם —
אין טראנטעס סע שטייען די קלעזמער־קלעזמאָרים.
סע שטייען די קלעזמער. צעצויגן און שטיל
דערהערט זיך עס פלוצעם א הארציקע שפיל.

א שפילער מיט הונגעריק־ליכטיקע אויגן,
דעם קאָפּ צו דעם קליינינקן פידל פארבויגן,
רירט אָן די סטרונעס די זײַדענע דינע,
און ס׳האָט זיך צעוויינט און צעשפּילט א נעגינע.

און פּײַפּעלעך העלפן, און פלייטעלעך וויינען.
אין גרויסער מעסיקעס געגומענע פארגיין זיך
פּײַפּעלעך ווײַסע און פלייטעלעך שווארצע...
ס׳האָט אונדזער יוינען פארקלעמט אזש באם הארצן,
ס׳האָט אים פארכאפּט און פארשלעפּט דער געזאנג...

די זון שוין פארגייט, און דער שאָטן ווערט לאנג.
א שטערן גייט אוף. און א צווייטער דאָרט אויבן.
און טרערן צוויי גייען אים אוף אין די אויגן, —
מיט פרייד און מיט ווײ...

סע גייען די קלעזמער — און יוינע נאָך זיי.
ס׳גייט יוינע נאָך זיי.

סע פאלט צו די נאכט.
די טירן פון אויצער זיך האָבן פארמאכט...

— קלעזמאָרים! — זיך קאטשעט דער מיילעך און לאכט,
און האָט זיך דערשראָקן, און האָט זיך פארטראכט...
ס׳האָט יוינע געבוקט זיך. די קלעזמער געדאנקט —
דעם מאלכעס פון ניגן, דעם האר פון געזאנג...

ס׳האָט יוינע פאמעלעך געלאָזן זיך גיין.
לעוואָנע אין הייך. און שטערן זיך וויגן.
און יוינע א גליקלעכער טראָגט זיך אהיים,
מיט ליידיקע הענט, מיט א ליכטיקן ניגן.

★

מע בויט א וועג

ער ערשטער — א וועוורים — פון צעדער, פון הויכ
ערהערט האָט דעמ אופרײַס, דערזעענ דעמ רויכ.

ינ פינצטער, אינ צווײַגנ — פארגליוועט פונ שרעק,
אהאלטנ די מאָרדע אינ פוכיקנ עק,

ער וועוורים, פארציטערט, פונ פאָדערשטע פיס
אָט דעמלט פארלאָרנ די שישקע מיט ניס.

ונ הייל, אונטער וואָרצלענ, אינ צאָרנ דער בער
רויס איז א ברוינער אונ, טופענדיק שווער,

ופ די הינטערשטע לאפעס זיכ אונטערגעשטעלט,
עגעבנ א רעווע אזא אפ דער וועלט,

ז ס׳האָבנ ארומ אימ געגומענ אזש וואָיענ
י אלטע, די גרינע צעפאטלטע כוואָיע.

י כוואָיע — די גרויע צעבויגענע בוימער
אוואקסנ מיט ווײַסע, מיט שליימיקע שווימענ...

מיט אווטאָמאשינעס, מיט לאָמענ, מיט העק
דורכ טײַגע אונ בלאָטעס מע לייגט דורכ אַ וועג.

געמאַכט האָט דער בער אזא שרעקלעכ געהויל...
א פּראָש פונ דער בלאָטע—צעעפנט דאָס מויל,

א נאסער, א גרינער פונ גרוי אונ פונ וויסט
שפרינגט אפ די לאנגע הינטערשטע פיס.

פארבראָכנ די פאָדערשטע פיסלעכ די צווי,
— קווא!—שרײַט אינ בלאָטע אונ קוואקעט פונ ווײ.

— קווא־א!—שרײַט אינ פינצטער.—געוועזנ אזוי ווײל,
שטיל אינ דער בלאָטע דאָס גראָז האָט געפוילט.

קיינעמ מע זעט ניט—מעכײַע, ס'איז שא.
מע ליגט אפנ בײַכל—מע קוואקעט זיכ—קווא־א!

— קווא־א!—כאפנ אונטער די פרעש מיכ ארומ—
ס'גראָז אינ די בלאָטעס סע בולבעט זיכ שטומ...

גיט אזא הילעכ אינ וואלד אמאָנאל,
א קרעכצ אונ א דונער, א בראָכ אונ א פאל.

דעמ ראש כאפנ אונטער פונ ווײַטנ די בערג,
קײַקלענ דעמ ווידערקאָל איבער דער ערד.

פונ נאָרעס ארויס אונ פונ ביימער אראָפּ
דער וועווריק, דער וואָלפ מיט דעמ בולעוונ קאָפּ,

דער בער אונ קאבאנ—מיטנ שפיציקנ שנוק,
מע לויפט פונ די וועלדער מיט וואַי אונ געהוק.

און ס'טראָגן די פויגלען, די סאָוועס, די ראָבן
די פוכיקע קינדער פארפרעסט אין די שנאָבלען.

זיי שרייַען פון אומגליק, זיי לויפן פון שרעק...—
דורך טייַגע און בלאָטעס מע לייגט דורך א וועג,

מע קאָרטשעט, מע פרייט זיך, מע גראָבט און מע לאכט
און שייַטערס מע צינדט אין דער ליכטיקער נאכט!..

★

אינהאלט

זײַט

די ליד וועגנ זילבערנעמ וועווריק 3

א מײַסע וועגנ א באבאצע 11

די ליד וועגנ דער קאפעלע 19

מע בויט א וועג 29

Б. ОЛЕВСКИЙ

СКАЗКИ

Рисунки — М. Беркович

Редактор А. Кушниров.

Техред *М. Погостер.* Корректор *А. Хармац.*
Сдано в набор 17/I-40 г. Подписано к печати 14/IV-40 г.
Уполн. Главлита РСФСР А-27603. Государственное издательство „Дер Эмес“ № 398. Формат бумаги 60×88 $^{1}/_{16}$. 2 п. л. 1,6 уч. изд.
Тираж 4000. Зак. № 2045.

**17-я ф-ка нац. книги ОГИЗ'а РСФСР, треста „Полиграфкнига“.
Москва, Шлюзовая наб., 10.**